NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13434

KOTUKO

Rudyard Kipling

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

PRINTED IN POLAND

יוגנט־ביבליאָטעק „ח ב ר"

ר. קיפּלינג.

קאָטוקאָ

(פון דעם לעבן פון די עסקימאָסן.)

פארלאג
„די נייע יידישע פאלקסשול"
ווילנע

1924

דרוק ש. עפשטיין שטראשון גאס 6.

Kotuko. R. Kipling.

13/4098

יוגנט-ביבליאָטעק „ח ב ר״

ר. קיפלינג.

קאָטוקאָ

(פון דעם לעבן פון די עסקימאָסן.)

פארלאג
„די נייע יידישע פאלקסשול״
ווילנע

1924

דרוק ש. עטשטיין שטראַשון גאַס 6.

Kotuko, R. Kipling.

קאטוקא.

.1

אַ וויסטער ברעג פון אַייז=ים. דעמדאָזיקן ים רופן די עסקימאָסן אויף זייער לשון „עק=וועלט“. דאָ האָט אויסגעבויט זיינע וואונדערלעכע בנינים ניט קיין גרויסער עסקימאָסישער=שבט. אויפגעשטעלט זיינען זיי פון אייז און פון שניי, און זיינען ענלעך צו גרויסע איבערגעקערטע שיסלען. צו יעדערן פון זיי פירט אַ נידעריקער קאָרידאָר, וועלכער זעט אויס, ווי אַ לאַנגער, ניט קיין הויכער קוימען, אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. דערדאָזיקער קוימען איז אויסגעקלעפּט פון שניי. דער אַריינגאַנג אין אים איז פאַרלייגט מיט אַ שטיק אייז. דורכגיין דורך דעמדאָזיקן קוימען אין וואוינונג אַריין איז אוממעגלעך; דורך אים קען מען נאָר קריכן אויף אַלע פיר.

אין דעם סאַמע עקסטן בנין, נענטער צום ים, האָט זיך באַזעצט די פאַמיליע קאַדלו. קאַדלו — דאָס איז דער ראש פון שבט, אָדער, ווי די עסקימאָסן זאָגן, — „דער מענטש, וואָס ווייס אַלץ, וועלכער האָט אַלץ דורכגעמאַכט“. קיין באַזונדערע מאַכט האָט ער ניט, נאָר די מיטגלידער פון זיין שבט פאָלגן גערן זיינע עצות; אָן זיין ראַט קלייבט מען ניט אויס קיין אָרט אויף געיעג, אָדער צו ווינטערן. ער האָט באַוויזן צו פאַרדינען אין זיין שבט אַלעמענס צוטרוי.

ניט שיין איז זיין וואוינונג פון אויסן און צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין באַקוועמלעכקייטן אינעווייניק. די אייז=ווענט זיינען באַהאַנגען מיט פעלן פון חיות. אָנשטאָט אַ סטעליע איז אויך אָנגעצויגן אַ פעל. ביי די ווענט — נאַרעס. ביינאַכט שלאָפט מען אויף זיי, בייטאָג דינען זיי אָנשטאָט בענק. די וואוינונג באַלייכטן און וואַרימען עטלעכע שטיינערנע שיסעלעך, אין וועלכע ס'איז אָנגעגאָסן פעטס פון ים=הינט. אין פעטס איז אַראָפּגעלאָזן און אָנגעצונדן אַ קנייט פון צונויפגעדרייטן מאָך.

ביי איין לעמפּל פאָרעט זיך די באַלעבאָסטע, קאַדלוס פרוי — אַמאָראַקאַ. זי גרייט צו מיטאָג — געקאָכטע פלייש און זופּ פון בלוט. אויפן פלייצע איז ביי איר אָנגעבונדן אַ ווייכער פוטער'נער זעקל. פון אים קוקט אַרויס און סמאָטשקעט מיט די ליפּן אַ קינד. דאָס איז — דער באַלעבאָסטעס יינגסטער יינגל. דער עלטערער זון אירער, קאָטוקאָ, אַ יינגל פון אַ יאָר 14, זיצט ביים צווייטן לעמפּל. ער שניידט אויס קנעפּלעך פון די רייס=ציין פון אַ ים=פערד.

איבער דעמזעלבן לעמפּל, וואו עס אַרבעט קאָטוקאָ, איז הויך אָנגעהאַנגען אַ פוטערנער זעקל. לעבן קאָטוקאָס פיס זיצט, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון זעקל, אַ געלער הונט. אין זעקל ליגט זיין הינטל.

דאָ איז אויך קאַדלו אַליין. ער האָט זיך נאָר=וואָס אומגעקערט אַהיים. פון סאַמע פרימאָרגן איז ער געווען אַוועקגעפאָרן אַ ווייאָרסט אַכט פון דער היים. דאָרטן האָט ער זיך אָנגעמערקט עפענונגען, דורך וועלכע די ים=הינט קריכן אַרויס פון אונטערן אייז אָפּצועטעמען מיט פרישער לופט.

קאַדלו האָט אָפּגעהיט 2 גרויסע ים=הינט און האָט זיי דערהרגעט; ער

האָט זיי נאָר=וואָס געבראַכט אַהיים, אויסגעשפּאַנט די הינט און איז אַרײַנגעקראָכן אין זײַן וואוינונג.

— שוין באַלד פֿאַרטיק מיטאָג? — האָט ער געפֿרעגט זײַן פֿרוי, צונויפֿלייגנדיק אָן אַ זײַט דעם רימענעם געשפּאַן פֿון די הינט.

— באַלד, באַלד, — האָט געענטפֿערט אַמאָראַקאַ. — נאַ=דיר דערווײַל אַ שטיקל ים=הונט=פֿלייש.

קאַדלו האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעהויבן שאָבן מיט אַ מעסער אַ שטיקל געפֿרעגע ים=הונט=פֿלייש, שלינגענדיק די פֿלייש=סטרוזשקעס מיט גרויס אַפּעטיט.

— גיב נאָר אַ קוק, טאַטע, — האָט געזאָגט קאָטוקאָ, אַוועקלייגנדיק זײַן אַרבעט און אַרויסנעמענדיק דעם הינטל פֿון זעקל. — ער האָט שוין געעפֿנט די אויגן.

קאַדלו האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן הינטל...

— טאַקע, ער האָט שוין געעפֿנט! — האָט ער אויסגערופֿן. — אַ וואוילער כּלב וועט ער זײַן! לייג אים אַרײַן צוריק.

— און ווי=זשע וועלן מיר אים אַ נאָמען געבן? — האָט געפֿרעגט אַמאָראַקאַ.

— רופֿט אים אָן מיט מײַן נאָמען. זאָל ער הייסן אַזוי ווי איך, — האָט מיט אַ שמייכל פֿאַרגעלייגט קאָטוקאָ, אַרײַנלייגנדיק דאָס הינטל אין זעקל.

— מהיכא תיתי! — האָט זיך צעלאַכט דער פֿאָטער.

— מיר וועלן נאָכאַמאָל בײדע ווײַזן, וואָס מיר קענען! — האָט זיך קאָטוקאָ מיט צופֿרידנהייט באַרימט.

דורך דעם נידעריקן קאָרידאָר האָט זיך דערווײַל געלאָזט הערן פֿון דרויסן אַ בילערײַ און אַ וואָיען. די הינט פֿון געשפּאַן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט מיט קאַדלו, האָבן דערשמאָנט וועגן זיך. זיי האָבן זיך באַמיט אַוועקצולייגן זיך וואָס נענטער צום קאָרידאָר, דורך וועלכן ס'האָט געשלאָגן אַ וואַרימקייט פֿון דער וואוינונג, און האָבן זיך געריסן פֿאַר אַ באַקוועמען שטיקל אָרט.

— שטיל זיי אײַן און גיב זיי פֿאַראײַנס עסן — האָט קאַדלו געהייסן דעם זון.

קאָטוקאָ האָט גענומען דעם רימענעם בײַטש און אַ שטיק געפֿראָרענע פֿלייש; מיט אַ ברייטן שפּיז האָט ער עס צעהאַקט אויף שטיקלעך און איז אַרײַנגעקראָכן אין קאָרידאָר...

ער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצוקײַקלען די שטיק אײַז פֿון אַרײַנגאַנג און זיך צו שטעלן אויף די פֿיס, ווי די גרויסע קודלאַטע הינט האָבן דערשמעקט דאָס פֿלייש און האָבן פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט דעם באַלעבאָס, קוקנדיק אים זשעדנע אין די אויגן אַרײַן און דרייענדיק מיט די ווײדלען.

קאָטוקאָ האָט אָנגעהויבן אַרויסצורופֿן אַ הונט נאָך אַ הונט, אָנהויבנדיק פֿון דעם סאַמע שוואַכסטן. יעדערן האָט ער אָפּגעגעבן זײַן חלק, און דער הונט, צוגעוווינט צו דער אָרדענונג, פֿלעגט זיך אַוועקרוקן אָן אַ זײַט, אויפֿעסן זײַן חלק פֿונדערווײַטנס. ווי נאָר וועלכער עס איז הונט איז אומגעדולדיק

אַרויסגעשפּרונגען פון דער ריי, האָט קאָטוקאָ באַלד מיט זיין בייטש צוריק איינגעשטעלט די אָרדענונג.

צום לעצטן איז צוגעגאַנגען אַ גרויסער שוואַרצער הונט, וואָס איז אין געשפּאַן געגאַנגען פאָראויס — אַלס אַ פירער. קאָטוקאָ האָט אים געגעבן מער פלייש ווי די אַנדערע און האָט אים מיט ליבשאַפט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן רוקן. — ביסט אַ וואוילער הונט! — האָט ער דערביי צוגעגעבן. — אָבער וואַרט נאָר, ס׳וועט אויסוואַקסן מיין קאָטוקאָ, וועט ער זיין קליגער פון דיר!... איך וועל אים שוין אויסלערנען!

.2

קאָטוקאָ איז קוים אַלט געווען פערצן יאָר, אָבער ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ דערוואַקסענעם מאַנספּיל.

אים איז נמאס געוואָרן זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַרבעט, מיט וועלכער עס פאַרנעמען זיך געוויינלעך די קינדער און די פרויען: צורעכט מאַכן נעצן פאַר ים־פייגלען און קליינע חיהלעך, קנייטשן פעלן פון הירשן און ים־הינט, אינדערצייט ווען די מענער זיינען אויף געיעג. אים האָט זיך אַליין געגלוסט גיין אויף געיעג, געגלוסט זיין אין „געזאַנג־הויז“, וואו ס׳פלעגן זיך צונויפקלייבן די דערוואַקסענע, און וואו דער „אַנגעקאָק“, דער מכשף, פלעגט, פאַרלעשנדיק די פייערן, דערציילן וועגן גייסטער, אַרויסרופן די גייסטער, שמועסן מיט זיי. בכלל האָט זיך אים געגלוסט, מ׳זאָל אים האַלטן פאַר אַ דערוואַקסענעם.

— וואַרט אויף, וועסט נאָך באַווייזן! — פלעגן, לאַכנדיק, זאָגן די עלטערע. — ס׳וועט קומען אויך דיין צייט!

נאָר אָט האָט דער פאָטער אָנגערופן דעם הינטל מיט זיין נאָמען, דער פאָטער גיט איבער אונטער זיין השגחה די הינט! איצטיקן וועט ער אים, אַוודאי, דערלויבן אָנטרייבן מיט אַ גאַנצן געשפּאַן!.. אָט דעמאָלט וועט קאָטוקאָ קענען ווייזן, אַז ס׳איז שוין צייט צו אָנערקענען אים פאַר אַ דערוואַקסענעם!..

און קאָטוקאָ האָט זיך פלייסיק געגרייט צום עקזאַמען. אויך זיין הונט קאָטוקאָ האָט ער געגרייט דערצו, ער האָט פאַר אים אויסגעמייסטרעוועט אַ קליינעם געשפּאַן און גאַנצענע טעג פלעגט ער אים אַרומטרייבן און צושרייען: רעכטס!.. לינקס!.. שטיי!..

דעם הינטל איז עס ניט געפעלן געוואָרן, נאָר נאָך ערגער איז אים נעבעך געווען, ווען מען האָט אים צום ערשטן מאָל איינגעשפּאַנט אין אַ שליטן. ער איז זיך רואיק געזעסן אויפן שניי, האָט זיך געשפּילט מיטן רימענדל, וואָס האָט זיך געצויגן פון זיין געשפּאַן צום גראָבן רימען — דעם „פּיט“, וועלכער פאַרבייט אַ דישל.

ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי קאָטוקאָ האָט זיך אַריינגעזעצט אין שליטן, האָט אַ „הוק“ געטאָן... און פּלוצלונג האָבן זיך אַלע הינט אַ וואָרף געטאָן פאָראויס!... דער שווערער שליטן האָט זיך אַ לאָז געטאָן און מיטגעשטופּט דעם הונט איבערן שניי. און דאָ האָט אים נאָך דער יונגער באַלעבאָס

אַ שמיץ געטאָן מיטן בייטש. ער האָט זיך באַמיט צו לויפן גלייך מיט די איבעריקע הינט, ער האָט אָבער געפּלאָנטערט די רימענס. דערפאַר האָבן זיך די איבעריקע הינט געבייזערט, געביסן אים, דער געשפּאַן האָט אים געריבן... ס'איז אים געווען ביטער.

צוזאַמען מיטן הינטל קאָטוקאָ האָט זיך געלערנט אויך דאָס יינגל קאָטוקאָ. אָנפירן מיט אַ עסקימאָסישן שליטן איז ניט לייכט. די הינט שפּאַנט מען איין אין אַ שורה איינעם הינטערן אַנדערן. דער בעסטער, דער קליגסטער און שטאַרקסטער הונט — דער אָנפירער לויפט פאָראויס; די שוואַכערע — נעענטער צום קוטשער. יעדער הונט האָט אַ באַזונדער געשפּאַן. פון געשפּאַן איז אונטער דער לינקער פאָדערשטער פוס דורכגעצויגן אַ רימענדל, וואָס פאַרשפּילעט זיך מיט אַ קנעפּל אָדער מיט אַ פּעטלע צום גראָבן דישל-רימען. אַזוי אַרום איז לייכט, ווען ס'איז נייטיק, יעדן הונט אָפּצושפּילען און צוריק צושפּילען צום אַלגעמיינעם געשפּאַן. דאָס איז וויכטיק דערפאַר, ווייל יונגע הינט פּלאָנטערן זיך אָפט אין די רימענס.

כדי פלינק אָנצופירן מיט אַ שליטל, דאַרף מען גוט באַהערשן דעם בייטש און ניט שרייען אָן אַ זין. שמייסן מיטן בייטש איבער דער ערד איז ניט שווער, נאָר בעתן פאָרן דערלאַנגען מיט אים איין הונט, ניט פאַרטשעפּענדיק די איבעריקע, דערלאַנגען שטאַרקער, אָדער לייכטער איז גאָרניט אַזוי פּשוט. דערצו נאָך אויב דו ווערסט אַ געשריי טאָן אויף איין הונט, און אין דערזעלבער צייט ווערסטו ניטווילנדיק אַ שמיץ טאָן אַן אַנדערן, וועלן זיך די הינט אָנהייבן צו בייסן און וועלן פאַרפּלאָנטערן דעם גאַנצן געשפּאַן. ווערסטו אָנהייבן זינגען אַ לידל, וועלן די הינט זיך אָפּשטעלן אומקוקן זיך, אַוועקזעצן און זיך אַיינהערן. מ'דאַרף וויסן, וואו אויפן וועג אונטערצושפּאַרן דעם שליטל, כדי עס זאָל זיך ניט איבערקערן... ניט איינמאָל פלעגט קאָטוקאָ אַריינפאַלן אין אַ צרה... דאָך האָט ער צולעצט אָנגעהויבן אָנצוטרייבן בריהדיקי. דעמאָלט האָט מען אים אָנגעטרויט אַ גאַנצן געשפּאַן פון אַכט הינט.

און אָט פאָרט שוין קאָטוקאָ אַליין פאַר אַ וויאָרסט צען צו די עפּענונגען פון די ים-הינט אין אַייז.

ער פאָרט צו, שטעלט אָפּ דעם שליטל פונדערווייטנס, קערט דאָס איבער, שפּאַרט עס אונטער מיט די הערנער פון אַ הירש, טיף אַריינשטעקנדיק זיי אין שניי, כדי די הינט זאָלן ניט קאָנען אַוועקרוקן דעם שליטן פון אָרט און אַוועקלויפן מיט אים. אַליין גייט ער פאָרזיכטיק צו צו דעם שפּאַלט אין אַייז און וואַרט, וואַרט ביז דער ים-הונט וועט זיך אויסקלייבן אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ כדי אָפּצוטעמען מיט אַ ביסל לופט. קוים האָט זיך דער ים-הונט באַוויזן, גיט זיך קאָטוקאָ אַ וואָרף אויף אים מיט אַ שפּיז און מיט אַ שטריק. דער ים-הונט איז דערהרגעט און קאָטוקאָ שלעפּט אים אַרויס אויפן אַייז; נאָכדעם שלעפּט ער אים מיט דער הילף פון דעם עלטסטן הונט צום שליטן.

דערשפּירנדיק אַ געשמאַקן ביסן, הייבן אָן די הינט פון געש-אַן צו וואָיען און צו שפּרינגען. זיי ווילט זיך אָפּרייסן אַ חלק פון רויב, אָבער דעם

באַלעבאָס בייטש מאַכט אָרדענונג. מיט פרייד באַגעגנט מען אין ישוב דעם יונגן יעגער. אייניק איז די עסקימאָסישע משפּחה. ווען מען ס'זאָל ניט אַריינ־פאַלן קיין רויב וועט ער זיך צעטיילן מיט אַלעמען.

קאַטוקאַ איז געוואָרן מענעריש, ער איז געוואָרן געניטער, קליגער.

אויך דער הונט קאַטוקאַ איז געוואַקסן, ווי געהעריק. אינגיכן האָט ער זיך אויסגעקעמפט אַ בכבודיקן מצב צווישן זיינע חברים, און נאָכדעם האָט ער איינמאָל געוואַגט זיך צו נעמען ראַנגלען מיטן גרויסן שוואַרצן אָנפירער, איז אים בייגעקומען און פון דעמאָלט אָן האָט ער פאַרנומען דעם ערשטן אָרט צווישן די הינט. מ'האָט אים איינגעשפּאַנט פאָראויס, ער זאָל ווייזן דעם וועג, און זאָל ניט דערלאָזן, אַז זיינע חברים זאָלן זיך שלאָגן אין געשפּאַן... און אויך דידאָזיקע אויפגאַבע האָט ער גוט אויסגעפירט. פון אים איז אַרויסגעקומען אַ גוטער יעגערישער הונט.

גאַנצענע טעג, גאַנצענע נעכט פלעגט קאַטוקאַ פאַרברענגען אויף געיעג, איינגעוויקלט אין אַ פעלץ, און מיט אים פלעגט תמיד זיין זיין הונט קאַטוקאַ — אַ קודלאַטע געלע חיה מיט קליינע אייגלעך און שאַרפע ווייסע ציין.

.3

די עסקימאָסן האָבן דעם גאַנצן לעבן אין זאָרג — ווי באַקומט מען פלייש און פעל פון חיות פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע. די עסקימאָסן עסן שרעקלעך פיל. זומער גיט זיך זיי די רויב גאַנץ לייכט; דערפאַר אָבער ווינ־טער, באַזונדערס אין דער לאַנגער ווינטער־נאַכט, ביי דער אומברחמנותדיקער קעלט, ווען אויך דער ים־ברעג איז ווייט באַדעקט מיט אייז, דראָט אָפטמאָל דעם עסקימאָס אַ סכנה אומצוקומען פון הונגער. פאַרשטייט זיך, אַז די עסקי־מאָסן גרייטן געוויינלעך אויף דער צייט אָן געוויסע זאַפּאַסן, נאָר ניט שטענ־דיק קלעקן די זאַפּאַסן, אָפטמאָל צוליב דעם, ווייל אָפּליגן אויף אַ עת צרה איז ניטאָ פון וואָס, און נאָך אָפטער צוליב דעם, ווייל די עסקימאָסן זיינען אויסערגעוויינלעך זאָרגלאָז.

עס איז אָנגעקומען דער בייזער ווינטער. דורכגעלעבט בשלום דעם זומער אין ביידלעך פון פעלן פון חיות, אָנגעזעטיקט זיך מיט געיעג סיי אויף ים־הינט, סיי אויף הירשן, האָט קאַדלוס שבט זיך אויסגעקליבן אַן אָרט אויף צו ווינטער: אויסגעבויט הייזער פון שניי אויפן פרישן־אייז און געהאָפט, אַז אפשר וועט זיך איינגעבן אויך דעם ווינטער דורכצולעבן בשלום, נאָר אין סעפּטעמבער האָבן די אומאויפהערלעכע שטורימס אָנגעוואָרפן אויפן ים־ברעג אַ גאַנצע וואַנט פון אייז פון אַ וויאָרסט צוואַנציק די ברייט, דער ראַנד פון פעסטן, פלאַכן אייז, וואָס אויף אים האָבן די ים־הינט געקענט אַרויסקריכן דורך די עפענונגען, איז אויסגעקומען ווייט הינטער דערדאָזיקער וואַנט. גיין אויף געיעג אויף די ים־הינט איז געוואָרן כמעט אוממעגלעך.

פונדעסטוועגן וואָלט קאַדלוס ישוב ווי עס איז אויסגעקומען מיט זיינע זאַפּאַסן פון פלייש, לאַקסן, פעטס פון ים־הינט, ווען אין דעצעמבער וואָלט איינער פון די מענער זיך ניט אָנגעטראָפן אויף אַ ביידל פון פעלן, וואו ער

האָט געפונען דריי באַיאָרטע פרויען און אַ מיידעלע. זיי זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער. זיי זיינען געוועסט געקומען פון צפון מיט מענער, נאָר די מענער זיינען אומגעקומען צווישן דעם אייז, גייענדיק אויף געיעג אין זייערע שוואַכע שיפלעך. דעם שבט קאַדלו איז אויסגעקומען אַריינצונעמען די אומגליקלעכע אין זייערע וואוינונגען. דער עסקימאָס איז אַ גרויסער מכניס=אורח, ער זאָגט ניט אָפּ אַפּילו אַ פרעמדן צו געבן שפּייז און דירה. אַמאָראַקאַ האָט גענומען צו זיך דאָס מיידעלע, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר פערצן.

די לאַגע פון שבט קאַדלו האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט, ווען אויך ביי אים זיינען אומגעקומען צוויי פון די בעסטע יעגער. רויב פלעגט זיך מאַכן זעלטן. אַ געהרגעטער ים=הונט פלעגט אויף לאַנג ניט קלעקן דערפאַר, ווייל אין ישוב זיינען געווען אַ סך מיילער און יעדערער האָט געהאַט דאָס רעכט צו פאָדערן פאַר זיך אַ חלק פון רויב. מ'פלעגט אויפעסן אַפילו אַזוינע שטיקלעך, וואָס אין אַ געוויינלעכער צייט זיינען זיי געווען פאַר די הינט, און די הינט האָט אַמאָראַקאַ דערנערט מיט די פעלן פון די פונאַנדערגענומענע, זומערדיקע ביידלעך, וואָס זיינען איצט געלעגן אונטער די נאַרעס. אַפילו אָן די לעמפּלעך, וואָס האָבן געברענט אין די ביידלעך, איז קענטיק געווען, אַז דער הונגער דערנענטערט זיך. פריער פלעגט אין עטלעכע לעמפּלעך ברענען אַ העלער פייער; אין וואויבונג איז געווען ליכטיק, וואַרים און פריילעך. און איצט פלעגט אַמאָראַקאַ זאָרגעוודיק כאַרבויגן דעם מאָך=קנויט פון דעם איינציקן לעמפּל יעדעס מאָל, ווען דער פייער פלעגט זיך פונאַנדערברענען שטאַרקער. מ'האָט מורא געהאַט אַפילו צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז ס'וועט נאָך אפשר ניט קלעקן קיין פעטס...

די עסקימאָסן האָבן מורא פאַר דער פינסטערניש. ביי זיי הערשט אַזוי אויך די נאַכט עטלעכע חדשים אין יאָר. און בעת די לאָמפּן ווערן אויך פאַרלאָשן, באַהערשט זיי אַ אומרואיקייט און אַ אימה. די הינט זיינען אויסגעדאַרט געוואָרן און האָבן געוואָיעט פון הונגער.

איינמאָל האָט דער הונט קאָטוקאָ — נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן אין געשפאַן אין אומזיסטער זוכעניש פון שפּייז—אַ שפרונג געטאָן און אָנגעהויבן זיך צו קלאַפּן מיטן קאָפּ אָן די קני פון זיין באַלעבאָס. קאַדלו האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. דער הונט האָט רחמנותדיק אַ וואָיע געטאָן און זיך אויפגעטרייסלט, דערנאָך האָט ער זיך פלוצלונג צעבילט, האָט אָנגעהויבן צו קייקלען זיך איבער דער פאָדלאָגע.

— וואָס איז מיטן הונט?—האָט געפרעגט ביים פאָטער דער יינגל קאָטוקאָ.

— ער איז קראַנק—האָט געענטפערט קאַדלו. — ווייזט אויס, פון הונגער.

דערווייל האָט דער הונט זיך גענומען צוהערן צו עפּעס, דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום אַריינגאַנג, איז אַרויסגעקראָכן דורכן שניי=דורכגאַנג אויף דער לופט, ווי ער וואָלט דערשפּירט אַ שפּור פון אַ חיה, און האָט זיך געלאָזט לויפן. אינגיכן איז ער אינגאַנצן נעלם געוואָרן פון אויג.

אַזאַ קראַנקהייט באַפאַלט ווירקלעך אַן אַנדערש מאָל די עסקימאָסישע הינט אין די לאַנגע ווינטער=נעכט.

אויפן צווייטן טאָג איז קראַנק געוואָרן נאָך אַ הונט. קאַדלון איז אויסגעקומען צו דערהרגענען אים. דערנאָך האָט דער גרויסער שוואַרצער הונט — דער געוועזענער אָנפירער, זיך פלוצלונג אַ לאָז געטאָן לויפן, בעת מ׳האָט אים געהאַלטן אין אײַנשפאַנען. ער האָט אַפילו מיטגעשלעפט מיט זיך דעם געשפאַן מיט די רימענס.

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצופאַלן אין יאוש. פון הונגער און פחד האָט זיך די שוואַכערע פון זיי אָנגעהויבן אויסצודאַכטן כלערליי ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע זאַכן. אַזוינס טרעפט אָפט אין דער צייט פון הונגער. די זקנות האָבן אָנגעהויבן צו דערמאָנען זיך אַלטע שרעקלעכע מעשיות; זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז ס׳באַווייזן זיך צו זיי אין חלום און שיעור ניט אויפן וואָר די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע יעגער און זאָגן זיי פאָראויס פאַרשיידענע שרעקלעכע זאַכן.

דער הונגער, די פינסטערניש, די קעלט, די אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָבן אונטערגעבראָכן אויך קאָטוקאָס כוחות. ער האָט אָנגעהויבן צו הערען עפעס מאָדנע אינערלעכע שטימען. ס׳האָבן זיך אים אין דער פינסטער אָנגעהויבן פאָרצושטעלן מענטשן, וואָס זײַנען אין דער אמתן ניט געווען לעבן אים...

איינמאָל, אָפוואַרטנדיק אומזיסט אַ שעה צען אויף אַ ים־הונט בײַ אַ עפענונג אין אייז, אַ וויאָרסט צוואַנציק פון ישוב, האָט ער, פאַלנדיק פון מידקייט, זיך אַוועקגעשלעפט אַהיים. דער קאָפ האָט זיך אים געדרייט. ער האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן אַ שטיק אַייז, וואָס איז גראָד געלעגען בײַם וועג. אויפן אייז איז געלעגן אַ גרויסער שטיין. ווען קאָטוקאָ האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף דער דער שטיק אייז, האָט זי זיך איבערגעבראָכן... דער שטיין האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און האָט זיך מיט רעש אַראָפגעקייקלט אַראָפצו. קאָטוקאָ איז אַ דערשראָקענער אָפגעשפרונגען. ער איז געווײנט געווען צו גלויבן, אַז אין יעדן פעלז און יעדן שטיין לעבט אַ גייסט...

— אָט דערפאַר טאַקע — זאָגן די עסקימאָסן — קייקלען זיך אַן אַנדערש מאָל די שטיינער און טראָגן זיך אַליין אַריבער פון איין אָרט אויפן צווייטן!

זיי קענען זיך ניט דערקלערן, אַז די שטיינער טראָגן זיך אַריבער דערפאַר, ווייל אונטער זיי צעשמעלצט זיך דער אייז, ס׳ענדערן זיך די אָנשפאַרפונקטן.

ווען אַ שטיין קייקלט זיך צו צו די פיס פון אַן עסקימאָס, קלערט דער עסקימאָס, אַז ס׳איז־צוגעגאַנגען צו אים אַ גייסט אין דעמדאָזיקן שטיין. קייקלט זיך דער שטיין ווייטער, קלערט זיך דער עסקימאָס: — צי ווייזט מיר ניט דעם וועג מײַן „טאָרנאַקאַ“ — דער גייסט, דער באַשיצער?

דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס אויף דעם קראַנקן קאָטוקאָ, וואָס איז געווען אָפגעשוואַכט פון הונגער און מידקייט, האָט דאָס אַרויפגעוואָרפן אַן אימה.

— מײַן גאָט, דער באַשיצער מײַנער, האָט גערעדט מיט מיר! — איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק אין קאָפ, — איך האָב געזען, אין וועלכער זייט דער שטיין האָט זיך אַוועקגעקייקלט!... אין יענער זייט בין איך נאָך ניט גע-

ווען... צי ווייזט מיר ניט דער טאָרנאַקאַ דעם וועג צו לעכער פון ים-הינט?

קאָטוקאָ האָט דערציילט אינדערהיים וואָס מיט אים איז געשען.

— ווער ווייס?... אפשר!... האָבן געזאָגט קאַדלו און אַמאָראַקאַ.

ס'איז געקומען דער אַנגעקאָק — דער מכשף. האָט מען זיך מישב געווען מיט אים.

— גיי, גיי אויף דעם רוף פון די געטער! — האָט באַשלאָסן דער אַנגעקאָק, ווענדנדיק זיך צו קאָטוקאָן. — גיי, זיי וועלן זיך מרחם זיין איבער אונז, זיי וועלן אונז געבן שפּייז און פעטס פאַר די לעמפּלעך.

די צוגענומענע מיידל פון צפונדיקן לאַנד האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע אַלע שמועסן, ליגנדיק ביים פייער. די לעצטע צייט איז אויך איר אויסגעקומען צו לעבן אין הונגער, און זי איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פונדעסטוועגן אויפן צווייטן פרימאָרגן, ווען קאַדלו און אַמאָראַקאַ האָבן אָנגעהויבן צורעכט מאַכן פאַרן זון אַ האַנט-שליטל, האָבן אָנגעלייגט אויף אים געפּראָרענע ים-הינט-פלייש, פעטס (וויפל זיי האָבן געקענט אויסטיילן פון זייערע קליינע זאַפּאַסן), האָבן אַריינגעלייגט אין שליטל אַ שפּיז, האַרפּונען, און ווען קאָטוקאָ האָט זיך גענומען פאַר די רימענס, כדי אַוועקצולאָזן זיך אין וועג אַריין, — האָט זיך דאָס מיידל אַ וואָרף געטאָן צו אים און האָט זיך אויך אָנגעכאַפּט אָן די רימענס, העלפנדיק אים שלעפּן דעם שליטל...

— דיין הויז — איז מיין הויז, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק קאָטוקאָן אין די אויגן.

— דיין הויז, — איז מיין הויז, — האָט געענטפערט קאָטוקאָ. — נאָר הלוואי זאָלן מיר ביידע ניט אַריינפאַלן צו „סעדנען".

„סעדנע" איז — לויט די גלויבונגען פון די עסקימאָסן — די הערשערין איבער דער מלוכה פון חושך. ביי איר — טענהן זיי — פאַרברענגען די נשמות פון די געשטאָרבענע אַ יאָר צייט, איידער זיי פאַלן אַריין אין גליקלעכן לאַנד פון די מתים, וואו ס'זיינען ניטאָ ניט קיין ציזע פרעסט, ניט קיין לאַנגע נעכט, וואו אויף יעדן טריט און שריט פּאַשען זיך הירשן.

דאָך האָט מען אין ישוב ניט אויסגערעכנט אויף קיין אומגליק, פאַרקערט — די געשעעניש מיט קאָטוקאָן, די רייד פון אַנגעקאָק האָבן אויפגעמונטערט דעם ישוב.

— די גייסטער האָבן ניט אומזיסט גערופן קאָטוקאָן!... זיי וועלן אים ברענגען צו די ים-הינט!... די גייס[illegible] האָבן זיך דערבאַרימט איבער אונז! — האָט מען גערעדט אין ישוב. די האָ[illegible]ונג אויף דער הילף פון די גייסטער האָט אויפגעמונטערט די הונגעריקע מענטשן.

און דערווייל זיינען קאָטוקאָ און דאָס מיידל געגאַנגען אין דעם חושך פון דער פּאָלאַר-נאַכט צום אָקעאַן, אין יענער זייט, וואוהין ס'האָט געוויזן דעם וועג דער טאָרנאַקאַ. שווייגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, האָבן זיי געשלעפּט דעם שליטל איבערן ניט גלייכן אייז. די העלע שטערן האָבן זיי באַלויכטן דעם וועג. פון צייט צו צייט פלעגט אויפן הימל פלוצלונג אויפפלאַקערן

דער אָפּגלאַנץ פון „צפון־שיין". בשעת זיי פלעגן ווערן פאַרמאַטערט, פלעגט קאָטוקאָ אויפגיך אויפקלעפּן אין שניי אַ יעגערישע הייל און פלעגט זיך צו־זאַמען מיט זיין וועג־חברטע פאַרקלייבן אַהין. דאָרט פלעגן זיי אָנצינדן אַ לעמפּל מיט פעטס, פלעגן אָנוואַרימען, אויף וויפל זיי האָבן געקענט, אַ שטיקל גע־פראָרענע פלייש, פלעגן זיך אונטערהאַלטן די כוחות מיט שפּייז און שמאַלץ. דערנאָך פלעגן זיי זיך אויפסניי לאָזן אין וועג אַריין. דורכגיין פלעגן זיי אין אַ טאָג אַ וויאָרסט דרייסיק, נאָר צום אָקעאַן פלעגן זיי זיך דערנענטערן אויף אַ וויאָרסט פינף, זעקס—ניט מער. ס'איז אויסגעקומען אָפּצוקערן זיך דאָ רעכטס, דאָ לינקס, און מיידן דעם אָנגעוואָרפענעם אייז. ניט איין מאָל האָט קאָטוקאָ זיך אַרויפגעקליבן אויף אַ שטיק אייז, כדי צו זען, וואָס טוט זיך אין דער ווייטן. ער איז כסדר געווען אין אַ באַגייסטערטן צושטאַנד, ער האָט געזונגען, גערופן צו הילף די גייסטער... די אויגן זיינע האָבן געברענט.

דאָס מיידל האָט אים אָנגעקוקט שטום מיט האָפענונג. זי האָט פעסט גע־גלויבט, אַז די גייסטער פירן אים.

פּראָוויאַנט איז שוין געבליבן ניט קיין סך: אויף אַ טאָג פינף־זעקס — ניט מער. און דאָ האָט זיך נאָך אויפגעהויבן אַ ווינט. קענטיק, ס'האָט זיך דערנענטערט אַ שטורים. די פלאַכע שניי־שטורימס זיינען שרעקלעך, זיי ציִען זיך אָפּטמאָל אָן אַ איבעררייס עטלעכע טעג. ווי איז דעם רייזנדער, ווען אַזאַ שטורים באַפאַלט אים ווייט פון ישוב. קאָטוקאָ האָט אין איילעניש גענומען מאַכן אַ הייל, וואו ער צוזאַמען מיט זיין וועג־חברטע זאָלן קענען געפינען אַ שוץ און אויך באַהאַלטן דעם שליטל און די שפּייז.

אָט איז עס שוין כמעט פאַרטיק. קאָטוקאָ שטייט אינדערהויך, מאַכט צורעכט דעם דאַך...

— קוק, קוק!—רופט ער אויס, אָנווייזנדיק אין דער חושכדיקער ווייטקייט, וואָס איז געווען טונקל באַלויכטן מיט די שטערן און מיטן אָפּגלאַנץ פון שניי.

— וואָס איז?—פרעגט דאָס מיידל און קלעטערט אויך אַרויף אינדערהויך, קוקנדיק אין יענער זייט, וואוהין עס ווייזט אָן קאָטוקאָ.

— זעסט?... דאָרטן...* דאָס איז „קוויקוווערן"!... דאָס איז ער.

„קוויקוווערן" — דאָס איז, — ווי די עסקימאָסן גלויבן — אַ בייזער גייסט, „סעדנעס" דינער. ער באַווייזט זיך צו די מענטשן אין דער געשטאַלט פון אַ אומגעהייער גרויסן, אָנציינערדיקן, צווייקעפּיקן, פילפיסיקן הונט. ער באַווייזט זיך, ווען זיי דראָט אַ סכנה אומצוקומען... אין שרעק האָבן זיך קאָטוקאָ און דאָס מיידל איילִיק באַהאַלטן אין הייל. זיי האָבן אַריינגעשלעפּט אַהין אויך דעם שליטן.

דער שטורים האָט זיך דערווייל שרעקלעך צעבושעוועט.

— צי דען וועט אונז דיין טאָרנאַקאַ אָפּנאַרן, אונז ניט אויסהעלפן! — האָט געשעפּטשעט דאָס מיידל, צודריקנדיק זיך צו קאָטוקאָן. — זינג אים אויף אַ געבעט־ליד... זאָל ער זיך דערמאָנען אָן אונז, העלפן אונז!

און קאָטוקאָ האָט אָנגעהויבן זינגען. די גאַנצע נשמה האָט ער אַריינ־

געלייגט אין זיין תפילה. דאָס מיידל האָט צוגעהערט שווייגנדיק, מיט אַ טיפן יראַת הכבוד... נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך, אינמיטן ליד, אויפגעטרייסלט, האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דער אייז־פּאָדלאָגע...

— הער! — האָט זי אַ מורמל געטאָן צו איר חבר.

אויך קאָטוקאָ האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דער פּאָדלאָגע, נאָכהער האָט ער אָפּגעבראָכן פון פויגל־נעץ, וואָס איז געלעגן אין שליטן, אַ שטיקל פיש־ביין און האָט עס אַריינגעשטעקט אין שפּאַלט פון דער אייז־פּאָדלאָגע...

מ'האָט געקענט באַמערקן, אַז דאָס שטיקל פיש־ביין האָט זיך געטרייסלט.

— יאָ, דער אייז טרייסלט זיך; ווייזט אויס, — ערגעץ־וואו נאָענט האָט זיך אָפּגעריסן אַ גרויסע קריע — איז קאָטוקאָ געפאַלן אויפן שכל.

— ניין, דאָס פּלאַצט דער אייז אויפן ים! האָט געזאָגט דאָס מיידל. — הער נאָר, ווי דער אייז קנאַלט... דו הערסט? אַזוי ווי אַ הונט וואָלט ערגעץ געוואָיעט! דאָס איז „קוויקווערן"!... מיר זיינען פאַרלאָרן...

ס'איז אַריבער אַ שעה, צוויי אין שווערער דערוואַרטונג.

— דערפאַר אָבער ווערט דער שטורים עטוואָס ווי שטילער! — האָט באַמערקט קאָטוקאָ.

— יאָ...

— לאָמיר פּרובן אַ קוק טאָן — זען, וואָס דאָרטן טוט זיך?...

— צי דען פּלאַצט דער אייז? ס'איז נאָך דוכט זיך צו פרי!

זיי האָבן אַרויסגעקוקט.

— אָ, קאָטוקאָ, זע—ער וואַרט אויף אונז! ער איז נאָך אַלץ דאָרטן! — האָט אויסגערופן דאָס מיידל, אָנווייזנדיק איר חבר אויפן דערבייאיקן בערגל.

און באמת איז דאָס פּילפּיסיקע, צווייקעפּיקע פאַרזעעניש נאָך אַלץ אַזוי ווי געזעסן דאָרטן.

— ל...מיר גיין נאָך אים! — האָט באַשלאָסן קאָטוקאָ... — אַז צו „סעדנען", זאָל זיין צו „סעדנען!..." אויב אַ סוף, איז אַ סוף! וואָס גיכער, אַלץ בעסער!

און דאָס פאַרזעעניש האָט טאַקע פונקט, ווי געוואַרט דערויף. עס האָט זיך אויפגעהויבן און אַ רוק געטאָן צו מערב... אויך אונזערע רייזנדער האָבן זיך גענומען צום שליטל. זיי האָבן זיך אַ ריר געטאָן נאָך אים...

און דער רעש, דאָס קנאַלן פון אייז האָט זיך אַלץ פאַרשטאַרקט און פאַרשטאַרקט. די איבער־פלאַך פון דעם אייז האָט זיך צעשפּאָלטן אין אַלע ריכטונגען. אינדערווייטנס אויפן ים האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן גרויסע אייז־שטיקער פון אַ קלאַפּטער די גרעב... דאָס וואַסער פון אונטן האָט געשפּאַרט מיט אַ שרעקלעכן כּוח... דער חורבן האָט זיך אָנגערוקט אויף די רייזנדע אַלץ מער און מער...

— קיינמאָל האָט זיך נאָך דער ים ניט געעפנט אַזוי פרי! האָט ניט געקענט באַגרייפן קאָטוקאָ. איך ווייס ניט, צי זאָלן מיר גיין ווייטער?

— זע, אָן האָט זיך אויף „קוויקווערן" אָפּגעשטעלט, — האָט באַמערקט דאָס מיידל.

און אינדעראמתן האָט זיך דאָס פאַרזעעניש ווי אָפּגעשטעלט אויף עפּעס אַ הויכער שטיק אייז.

— לאָמיר זיך אויך אָפּשטעלן, — האָט באַשלאָסן קאָטוקאָ. — לאָמיר אָפּוואַרטן אָט דאָ, הינטער דעמדאָזיקן בערגל.

און ער האָט שנעל אָנגעהויבן צוריק צורעכט מאַכן אַ הייל.

אָט איז עס שוין פאַרטיק. קאָטוקאָ און דאָס מיידל האָבן זיך אַהין פאַרקליבן... זיי זיצן מיטן רוקן צו דער אַריינגאַנגס-עפענונג... זיי הערן זיך צו צו דעם קנאַלן פון אייז... קאָטוקאָ מורמלט עפּעס שפּרוכן.

פּלוצלונג האָט זיך דאָס מיידל פונאַנדערגעלאַכט...

— קאָטוקאָ!.. אָט איז ער „קוויקוועֶרן"! קוק זיך אום!.. האָט זי פריילעך אויסגערופן. — און, באמת, ער האָט טאַקע אַכט פיס און צוויי קעפּ!

הינטער איר פּלייצע האָבן זיך אין לאָך פון הייל באַוויזן צוויי מאָרדעס: איינע אַ שוואַרצע, די אַנדערע אַ געלע... דאָס זיינען געווען די מאָרדעס פון די אַנטלאָפענע הינט — פון דעם שוואַרצן אָנפירער און דעם הונט קאָטוקאָ. די בעלי-חיים האָבן אויסגעזען זעלטן גוט, זיינען פעט געוואָרן און האָבן אויסגעזען פולקום געזונט. זיי זיינען געווען צוזאַמענגעפּלאָנטערט מיט רימענס. דער שוואַרצער אָנפירער איז דאָך אַנטלאָפן מיטן געשפּאַן. ער האָט זיך, ווייזט אויס, באַגעגנט ערגץ-וואו מיט זיין געלן פריינד, האָט זיך געשפּילט מיט אים, און זיי האָבן זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין די רימענס, אַז אויספּלאָנטערן זיך האָבן זיי ניט געקענט. די רימענס האָבן זיי אַזוי אַרומגענומען, אַז אויך צעבייסן זיי האָבן זיי ניט געקענט. זיי האָבן, קענטיק, געפונען שפּייז, האָבן זיך אָפּגעפרעסן און זיינען געקומען צו זיך...

—

אויך קאָטוקאָ האָט זיך צעלאַכט. ער האָט פלינק איבערגעשניטן די רימענס. די הינט האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט אַ פריידיקן בילן.

— זיי האָבן זיך געפונען שפּייז, — האָט מיט שמחה משער געווען קאָטוקאָ. — און אויך מיר, לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן אויך אינגיכן געפינען, מיט וואָס זיך צו דערקוויקן. מיין טאָרנאַקאַ האָט מיך ניט אָפּגענאַרט, ער האָט בעשיקט די הינט אונז צו הילף! איצט לאָמיר זיך רואיק אויסשלאָפן, אָפּרוען... און איך בין זיכער, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג!... סאַר אַ נישט געוויינליכער פריער פרילינג!

ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט און זיינען אַרויס פון הייל, האָט זיך שוין דער ים אָפּגערייניקט פון אייז אויף אַ גרויסן שטח. ביי די ברעגס האָבן זיך געפּלעסקעט די כוואַליעס. די ערשטע קלאַנגען פון די כוואַליעס, וואָס שלאָגן זיך אָן אָן ים-ברעג, דערפרייען דאָס האַרץ פון עסקימאָס. זיי זיינען די אָנזאָגערס פון דעם אָנקומענדיקן זומער...

קאָטוקאָ האָט געטראָפן ביידע הינט אין אַ געשלעג איבער אַ ים-הונט. נאָך אַ שטורים, וואָס צעטרייבט די פיש, לאָזן זיך די ים-הינט שטענדיק אַרויס צו די ברעגעס זוכן שפּייז. דעמזעלבן טאָג זיינען אַרויס אויפן ברעג אַ שטיק

צוואַנציק־דרייסיק. הונדערטער אַנדערע פלעגן אַלע ווײַלע אַרויסקוקן פון וואַסער, ווי טונקעלע פלעקן צווישן די שווימענדיקע קריעס.

אײַנגיכן האָבן קאַטוקאַ און דאָס מיידל אָנגעלאָדן דעם שליטל מיט טויטע ים־הינט, האָבן אײַנגעשפּאַנט די הינט און זיך אײַליק אַוועקגעלאָזן אין וועג צוריק אַהיים... און דערצו האָבן זיי נאָך אײַנגעגראָבן אין שניי אויפן ברעג אַ שטיק צוואַנציק ים־הינט.

זיי האָבן זיך געאײַלט אַהיים מיט אַלע כּוחות. אויך די הינט האָבן, דערשפּירנדיק דעם וועג אַהיים, זיך געריסן אין געשפּאַן, האָבן פריילעך צוגעהאָלפן זייערע באַלעבאַטים. ס'האָט זיי אָפּגעגליקט צו געפינען דעם נאָענטסטן וועג. אין צוויי טעג אַרום זײַנען שוין די רייזנדער געווען בײַ קאַדלוס ישוב.

ווען קאַטוקאַ האָט, צופאָרנדיק צום ישוב, הויך אויסגעשריען: — „קומט אַהער!.. פלייש!..“ האָבן אים אָפּגעענטפערט נאָר עטלעכע שוואַכע שטימען. פונדעסטוועגן, ווען מ'האָט אַלעמען צוזאַמענגעקליבן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע לעבן נאָך.

אין אַ שעה אַרום האָבן אין קאַדלוס הויז געברענט די לעמפּלעך, אונטער זיי האָבן זיך געקאָכט קעסלעך. אַמאַראַקאַ האָט געקאָכט מיטאָג פאַרן גאַנצן ישוב. איר קליינער זונדל האָט געקייט אַ שטיקל פרישע ווייסע פעטס. אַרום דעם פײַער זײַנען געזעסן די מענטשן און האָבן זיך צו זאַט אָנגעגעסן מיט ים־הונט־פלייש, און קאַטוקאַ מיט דער מיידל האָבן פריילעך דערציילט וועגן זייערע פּאַסירונגען. ביידע הינט זײַנען געזעסן דערבײַ און פלעגן אָנשטעלן די אויערן, ווען די דערציילערס האָבן דערמאָנט זייערע נעמען.

— דער טאָרנאַקאַ האָט אָן אונדז ניט פאַרגעסן, — האָט דערציילט קאַטוקאַ. — די ים־הינט זײַנען נאָענט פונדאַנען, צוויי טעג גאַנג. זאָלן די בעסטע יעגער אַוועקגיין מאָרגן נאָך די ים־הינט, וואָס מיר האָבן פאַרגראָבן אין אײַז. און ווען מיר וועלן אויך יענע פלייש אויפעסן, וועט זיך געפינען אויך גייע רויב. איצט איז שוין די צרה פאַרבײַ...

— און מיר מיט איר וועלן זיך דאָ אויפבויען אַ הויז! — האָט ער צוגעגעבן, קוקנדיק מיט ליבשאַפט אויף זײַן וועג־חברטע.

דערבײַ האָט ער אָנגעוויזן אויף צפון־מערב פון קאַדלוס הייזל. צו צפון־מערב פון די עלטערנס וואוינונג באַזעצן געוויינלעך די עסקימאָסן דעם זון אָדער טאָכטער, וואָס זיי מאַכן חתונה.

דאָס מיידל האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט אויסגעצויגן די הענט און געוויזן די ליידיקע דלאָניעס. זי האָט מיט דעם געוואָלט זאָגן, אַז ניט פאַר איר איז אָנגעמאָסטן צו זײַן די פרוי פון קאַדלוס זון! זי פאַרמאָגט גאָרניט: איר האָט מען געפונען, ווען זי איז אויסגעגאַנגען פון הונגער; זי האָט קיינעם ניט, ווער עס זאָל איר געבן נדן.

דעמאָלט איז אַמאַראַקאַ אַראָפּגעשפּרונגען פון די נאַרעס און האָט גענומען וואַרפן אויף דער מיידלס קני כּלערליי געשיר: שטיינערנע לעמפּלעך,

שאָב=מעסערס צו די פּעלן, קעסלען, פעלן פון הירשן, נאָדלען... דאָס איז געווען אַ רייכער נדן פאַר אַן עסקימאָסישער כלה.

— נאַ דיר אויך אַ צוגאָב: אָט די הינט! — האָט מיט אַ געלעכטער צוגעגעבן קאַדלו, אָנווייזנדיק אויף די הינט, וועלכע האָבן ווי פאַרשטאַנען, וואָס עס רעדט זיך, און האָבן זיך געלאַשטשעט צו דער כלה, באַמיענדיק זיך אַ לעק צו טאָן זי אין פּנים.

— יאָ! — האָט, ווי נאָך אַ לאַנגן קלערן, באַמערקט דער אַנגעקאָק, ערנסט אָפּהוסטנדיק, — ניט אומזיסט האָב איך, ווי נאָר קאָטוקאָן איז אַוועק מיט איר, געזונגען גאַנצענע נעכט געבעט=שפּרוכן צו די גייסטער. עס האָבן דערהערט מיינע לידער די גנעדיקע גייסטער, האָבן אויפגעבראָכן דעם אייז פאַר דער צייט און געשיקט די ים=הינט צום ברעג! יאָ, קאָטוקאָ, מיטן גוף בין איך געבליבן דאָ, אָבער מיט דער נשמה בין איך די גאַנצע צייט געווען מיט דיר און האָב, לויט דער אָנווייזונג פון די גייסטער, געפירט דיינע הינט און דיך אויפן ריכטיקן וועג! די גייסטער פאַרנעמען מיינע תפילות!

קיינער האָט אים ניט איבערגעשפּאַרט.

אַכטונג, ח׳ לערער!

אין פארלאג „נייע יידישע פאָלקסשול" ווילנע איז ערשינען אַ נייע כרעסטאָמאטיע פאר די העכערע קלאַסן

„דאָס נייע וואָרט" אין 4 בענדער

צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

ערשטער באַנד — **עפּאָס.**

צווייטער באַנד — **ליריק.**

דריטער באַנד — **דראמע.** ([illegible])

פערטער באַנד — **פּראָזע.**

קאַטאַלאָג פון „נייע יידישע פאָלקסשול" פאַרלאַג

ווילנע, סטעפאַ[illegible]
נאָס 24, ק. 28.

לערנביכער.

רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי.

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנביך פאַרן 1-טן לערניאָר.
2. אריטמעטישער רעכנביך ערשטער [illegible]
3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער [illegible])
4. אריטמעטישער רעכנבוך (בלעטלי צאָלן)
5. אריטמעטישער רעכנבוך (בריגעלן)

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און [illegible]

6. לעבעדיקע קלאַנגען. א. ב.
7. לעבעדיקע קלאַנגען [illegible] כרעסטאָמ. פאַרן 1-טן לערניאָר.
8. לעבעדיקע קלאַנגען — כרעסטאָמ. פאַרן 2-טן לערניאָר.
9. לעבעדיקע קלאַנגען כרעסטאָמ. פאַרן 3-טן לערניאָר
10. דאָס נייע יאָרס כרעסטאָ-מאַטיע פאַר די עלטערע קלאַסן

ביבליאָטעק פאַר יינגערע קינדער:

ס. ש. באַסטאָמסקי

1. יעקעלע נאַר.
2. [illegible]
3. [illegible]
4. [illegible]
5. א [illegible]
6. דער [illegible]
7. [illegible]
8. די [illegible]
9. [illegible]
10. [illegible]
11. דער [illegible]
12. [illegible]
13. [illegible]
14. א [illegible]
15. [illegible]

16. גייבער האַסקי—(פון [illegible]) עס לעבן פון די [illegible]
17. דער [illegible]
18. די [illegible]
19. [illegible]
20. [illegible]
21. [illegible]
22. דער פאַרשלאָסענער [illegible] יידישע [illegible]
23. [illegible]
24. [illegible] אלעקסאַנדער [illegible]
25. דאָס [illegible]
26. [illegible]
27. [illegible] יידישע [illegible]
28. [illegible]
29. 30. 31. [illegible]
32. [illegible]

ביבליאָטעק פאַר עלטערע קינדער:

פון ש. באַסטאָמסקי

1. [illegible]
2. [illegible]
3. [illegible]
4. די [illegible]
5. אין דער [illegible]
6. [illegible]
7. [illegible]
8. [illegible]
9. [illegible]
10. [illegible]
11. [illegible]
12. [illegible]
13. [illegible]
14. [illegible]
15. [illegible]

[illegible] אין א [illegible] פון די [illegible] פאַר [illegible]

16. [illegible] פון דעם [illegible] יידיש [illegible] אילוסטרירט [illegible] פון [illegible]
17. די [illegible]
18. די [illegible]
19. [illegible]
20. [illegible]
21. די [illegible]

מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר

[illegible] ש. באַסטאָמסקי

1. [illegible]
2. [illegible]
3. [illegible]
4. [illegible]

אייפּ לאַגער געפינען זיך:

1. [illegible]

Katalog Wydawnictwa „Nowa Szkoła Żydowska"
Wilno, Stefańska 24 m. 28.